# אַ סך רוסישע ייִדן פֿילן זיך אומבאַ

פֿון וואָלטער רובי (ייִט"אַ) – הגם ישׂראל איז פֿול מיט רוסישע ייִדן, פֿילן זיך אַ סך פֿון זיי דיסקרימינירט און אומבכּבֿודיק. בעת דער אַנומלטיקער פּאַריש־קאָנפֿערענץ, געווידמעט די סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען פֿון די רוסיש־רעדנדיקע ייִדן, וועלכע איז דורכגעגאַנגען אינעם „בר־אילן"־אוניווערסיטעט, פֿון 17טן ביזן 19טן אָקטאָבער, האָבן די פֿירער פֿון דער ישׂראלדיקער רוסישער קהילה אויסגעדריקט זייער אומצופֿרידנקייט מיטן „צווייט־סאָרטיקן" מצבֿ.

אַפֿילו דער דעפּוטאַט אַבֿיגדור ליבערמאַן, דער הויפּט פֿון דער „פּראָ־רוסישער" פּאַרטיי „ישׂראל ביתנו", וועלכע שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער איצטיקער ישׂראלדיקער רעגירונג, ווי אויך אַ צאָל פּראָמינענטע סאָציאָלאָגן און פּאָליטאָלאָגן, האָבן באַטאָנט אויף דער קאָנפֿערענץ, אַז הגם אַ טייל רוסישע אימיגראַנטן האָבן באַקומען זייער פּרעסטיזשפֿולע אַקאַדעמישע און שעפֿערישע שטעלעס, בלײַבט אינעם לאַנד אַ געוויסער באַריער, וואָס דערלאָזט נישט די אימיגראַנטן פֿון רוסלאַנד צו דערגרייכן די העכערע פּאָזיציעס.

אליעזר פֿעלדמאַן, אַ סאָציאָלאָג פֿונעם „אינסטיטוט פֿאַר סאָציאַלע און פּאָליטישע פֿאָרשונגען", האָט באַטאָנט, אַז אַ וואַקסנדיקע צאָל געבילדעטע יונגע רוסיש־רעדנדיקע ישׂראלים פֿאָרן אַוועק קיין מאָסקווע, ווײַל דאָרטן האָבן זיי מער מעגלעכקייטן צו געפֿינען אַ בעסערע אַרבעט. פֿעלדמאַן האָט צוגעגעבן, אַז הגם יעדער זעקסטער ישׂראלדיקער בירגער קען רוסיש, זענען צווישן די פּרעזידענטן פֿון די ישׂראלדיקע אוניווערסיטעטן נישטאָ קיין „רוסן"; אין גאַנץ ישׂראל, זענען בלויז צוויי רוסישע פּראָפֿעסאָרן פֿון סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן אָנגענומען געוואָרן אויף פֿול־צײַטיקע שטעלעס.

אַלעק עפּשטיין, אַ פּראָפֿעסאָר פֿון פּאָליטאָלאָגיע בײַם ישׂראלדיקן „אָפֿענעם אוניווערסיטעט", האָט געטענהט, אַז צום ערשטן מאָל, זינט 1996, זענען אינעם קאַבינעט נישטאָ קיין רוסישע מיניסטאָרן. עפּשטיין האָט אויסגעדריקט אַ חשד, אַז אָלמערטס רעגירונג האָט בכּיוון אויסגעמיטן די רוסישע פּאָליטיקער. נישט אַלע


## יאָ, איך וויל אַבאָנירן דעם „פֿאָרווערטס"

נאָמען.........................................

אַדרעס.........................................

**פֿון אַמעריקע און אַנדערע לענדער**

אַבאָנעמענט־פּרײַזן:

**פֿאַראייניקטע שטאַטן:** איין יאָר – $36, האַלב יאָר – $21

**איבער דער וועלט:** איין יאָר – $40, האַלב יאָר – $25

**לופֿטפּאָסט,** איין יאָר: איבער דער וועלט – $97,

מעקסיקע און קאַנאַדע – $80

שיקט דעם קופּאָן מיט אײַער טשעק אויפֿן אַדרעס:

The Yiddish Forward

45 E33rd Street, New York, NY 10016 USA

Tel. (212) 889-8200 ליניע 470

E-mail:subscription@yiddish.forward.com

**פֿון ישׂראל**

אַבאָנעמענט־פּרײַזן:

3 חדשים – 90 ש"ח

6 חדשים – 180 ש"ח

12 חדשים – 360 ש"ח

שיקט דעם קופּאָן מיט אײַער טשעק אויפֿן אַדרעס:

**יהושע שלומי**

**תד 24210, תל אביב 61241**

**טל 050 7534914**

# קוועם אין ישׂראל

פֿון די 150 פֿאָרשטייער פֿון דער רוסיש־רעדנדיקער ייִדישער קהילה פֿון רוסלאַנד, אַמעריקע און ישׂראל, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפֿערענץ, האָבן אָבער מסכּים געווען מיט אַזאַ נעגאַטיוון אַנאַליז פֿון דער סיטואַציע.

יוחנן פּערעס, אַ פּראָפֿעסאָר־פּאָליטאָלאָג פֿונעם תּל־אָבֿיבֿער אוניווערסיטעט, און זײַן רוסיש־געבוירענע קאָלעגע, סאַבינע ליסיצאַ, האָבן פֿאָרגעשטעלט אַ באַריכט, באַגרינדעט אויף פֿרישע סאָציאַלע אויספֿרעגן, אַז ס'רובֿ רוסישע עולים זענען מער־ווייניקער צופֿרידן מיט זייערע וווין־ערטער, בילדונג פֿון זייערע קינדער, און די פּאָליטישע דערגרייכונגען פֿון דער רוסישער קהילה. פּערעס און ליסיצאַ האָבן אויך באַטאָנט, אַז די רוסישע אימיגראַנטן געפֿינען זיך אין אָנגעשטרענגטע באַציִונגען מיט די „סאַברעס" און זענען נאָך נישט אינגאַנצן אינטעגרירט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער ישׂראלדיקער קולטור; פֿונדעסטוועגן, האָט ליסיצאַ געזאָגט, „איז די סיטואַציע לעצטנס געוואָרן אַ סך בעסער". פּערעס האָט צוגעגעבן, אַז צוליב דער אַמאָליקער דיסקרימינאַציע, באַשרײַבן אַ טייל רוסישע פֿריִער די סיטואַציע נאָך אַלץ אין „שוואַרצע קאָלירן".

נחום קרופּעצקי, אַ 80־יעריקער דאָקטער, וועלכער האָט אימיגרירט פֿון אוקראַיִנע מיט 15 יאָר צוריק, האָט אויך געזאָגט, אַז די קהילה־פֿירער טרײַבן אַמאָל איבער די פּראָבלעמען פֿון זייער קהילה. קרופּעצקי האָט געלויבט די ישׂראלדיקע פּענסיע־סיסטעם און געמאָלדן, אַז אַזעלכע פּענסיאָנערן, ווי ער, לעבן אין ישׂראל באַקוועם און צופֿרידן.

אָלגאַ גערשענזאָן, אַ פּראָפֿעסאָרשע פֿונעם „אַמהערסט־אוניווערסיטעט", מאַסאַטשוסעטס, וועלכע פֿירט אַ קורס וועגן דער רוסיש־ישׂראלדיקער קינעמאַטאָגראַפֿיע, האָט באַמערקט, אַז אין פֿאַרגלײַך מיט ס'רובֿ פֿאָרש־אונטערנעמונגען, איז די אַטמאָספֿער פֿון דער קאָנפֿערענץ געווען זייער פּאָליטיזירט און אָנגעגליט, „אָבער דאָס איז נישט קיין חידוש, ווײַל די באַהאַנדלטע עניִנים זענען זייער וויכטיק און אַקטועל".

אַ צאָל באַטייליקטע אַמעריקאַנער האָבן אָבער געטענהט, אַז די רוסלענדישע און ישׂראלדיקע ייִדן האָבן זיי איגנאָרירט. סעם קליגער, דער דירעקטאָר פֿון די רוסישע עניִנים בײַם „אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט",



באַטייליקטע אין דער „גלאָבאַלער קאָנפֿערענץ פֿון רוסיש־רעדנדיקע ייִדן" בעת אַ „לחיים"

איז געבליבן אומצופֿרידן מיט דעם, וואָס די איבערזעצער האָבן אים געצוווּנגען צו רעדן אויף רוסיש, נישט אויף ענגליש, ווי ער האָט פּלאַנירט, ווײַל די פּאַראַלעלע איבערזעצונג איז דורכגעפֿירט געוואָרן בלויז אויף רוסיש און העברעיִש. זאבֿ כאַניך, דער פּאָרזיצער פֿון דער קאָנפֿערענץ און אַ פּאָליטאָלאָג פֿון „בר־אילן", האָט געזאָגט, אַז די באַגרענעצונג בײַם איבערזעצן איז געווען פֿאַרבונדן בלויז מיט פֿינאַנציעלע סיבות, אָבער ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז „די רוסיש־אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס זענען נאָך אַלץ צו קליין און שוואַך".